א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

299 | פרשת וילך | תש"פ

## מאוצרות אמונים — פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### די תפילה פון די שפעטערדיגע דורות איז בעסער פון די פריערדיגע

**"וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לִיהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמֶר אֵלָיו לְעֵינֵי כָל יִשְׂרָאֵל חֲזַק וֶאֱמָץ כִּי אַתָּה תָּבוֹא אֶת הָעָם הַזֶּה אֶל הָאָרֶץ... וְאַתָּה תַּנְחִילֶנָּה אוֹתָם"** (לא ז)

**דער רבי ר' הערש אלימלך פון דינוב טייטש:**

ווען מיר קומען בעהטן אויף די גאולה, קען ארויף קומען אין אונזערע הערצער געוויסע געדאנקען: די צדיקים און די ערליכע מענטשן פון די פריערדיגע דורות וואס זענען צעהן מאל מער חשובער געווען פון אונז האבן אזויפיל געבעהטן אויף די גאולה און האבן נישט זוכה געווען דערצו, וויאזוי קען זיין אז מיר וועלן יא זוכה זיין דערצו? דעריבער האט משה גערופן יהושע "לְעֵינֵי כָל יִשְׂרָאֵל" און האט אים געזאגט: כאטש אז מיינע תפילות אויף אריינצוגיין אין ארץ ישראל זענען נישט אנגענומען געווארן, "חֲזַק וֶאֱמָץ", ווייל דו וועסט זוכה זיין צו: "וְאַתָּה תַּנְחִילֶנָּה אוֹתָם". מיט דעם האט משה רבינו אויסגעלערנט די קומענדיגע דורות זיי זאלן זיך נישט מייאש זיין פון צו בעהטן אויף אזעלעכע זאכן וואס די פריערדיגע דורות האבן נישט זוכה געווען, ווייל עס קען זיין אז יעצט איז: "עֵת לְחֶנְנָהּ כִּי בָא מוֹעֵד" (תהילים קב יד).

'ליקוטי מהרצ"א'

### די הסתר פנים נאכן חרטה האבן

**"וּמְצָאֻהוּ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הֲלֹא עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה; וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה כִּי פָנָה אֶל אֱלֹהִים אֲחֵרִים"** (לא יז-יח)

אסאך וואונדערן זיך: נאך וואס די אידן האבן שוין איינערקענט זייער זינד און האבן חרטה געהאט דערויף, פארוואס זאל זיי השי"ת שטראפן מיט: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר..."?

עטליכע תירוצים זענען געזאגט געווארן אויף דעם:

א. דער **'חתם סופר'** טייטש אז די אידן וועלן א האבן טעות און וועלן טראכטן אז דער עיקר פון עבודת ה' איז אז דער הארץ זאל זיין מיט ריינע און ערליכע געדאנקען, אבער די מעשה המצוות האט נישט קיין חשיבות, און אויף דעם קומט נישט קיין שטראף אויף מ'איז נישט מקיים, און וועגן דעם וועלן זיי זיך מתוודה זיין נאר אויף "עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי" - אויף די געדאנקען וואס זענען אינעווייניג אין די הארץ, אבער נישט אויף די גרינגשעצונג אין די מעשה המצוות, דעריבערווארנט אן די תורה אז די הסתר פנים וועט זיין א שטראף: "עַל כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה".

ב. דער **'אבני נזר'** האט ערקלערט: די אידן וועלן חרטה האבן נאר אויף: "עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי" - די הארבע זינד וואס האט צוגעברענגט אז די שכינה זאל אוועק גיין פון צווישן זיי, אבער אויף די גרינגע זינד וואס האבן נאכגעשלעפט די מער הארבערע וועלן זיי נישט חרטה האבן, און וועגן דעם וועט נישט אנגענומען ווערן זייער תשובה. דאס איז אויך מרומז אין דעם לשון הפסוק: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי... כִּי פָנָה אֶל אֱלֹהִים אֲחֵרִים" - די שטראף וועט זיין אויף דעם וואס זיי האבן נישט חרטה געהאט אויפן עובר זיין אויף די באפעל פון: "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִם" (ויקרא יט ד) וואס ד.מ. אז א מענטש מעג אינגאנצן נישט טראכטן פון די סארטן עבודה זרה'ס, טאמער ער וועט נאכגעצויגן ווערן נאך זיי (רמב"ן שם).

ג. אויף א אנדערע וועג טייטש **רבי צדוק הכהן פון לובלין** אז די תשובה פון די אידן וועט יא אנגענומען ווערן, און דאס איז וואס ס'שטייט: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא" - נישט פון זיי, נאר: "עַל כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה" - ווייל זיי וועלן חרטה האבן אויף די שלעכטס וואס זיי האבן געטוהן, וועט דער אויבערשטער כביכול זיך פארהוילן פון זייערע עבירות.

ד. דער **מהרש"ם פון בערזשאן** האט ערקלערטס: די תורה הייבט אן: "וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא", ווייל די אידן וועלן חרטה האבן נאר צוליב די שרעק פון די צרה, אבער שפעטער נאך וואס די צרה וועט אוועק גיין וועלן זיי זיך צוריק קערן צו זייער פריערדיגע וועג, און צוליב דעם וועט ה' באהאלטן זיין פנים פון זיי, ווייל אזא תשובה ווערט נישט אנגענומען, אזוי ווי דער רמב"ם פסק'נט (תשובה ב ב): "ומה היא התשובה? היא שיעזוב החוטא חטאו ויסירו ממחשבתו ויגמור בליבו שלא יעשהו עוד... ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם".

ה. אויף נאך א וועג ערקלערט **רבי משה פאללאק** דער באניהאדער רב: ווער ס'פארלאזט אויף אנדערע ווען ער געפונט זיך אין א צרה, און נאר נאכן איינזעהן אז זיין ערווארטונג קומט נישט אן ווענדט ער זיך צו זיין באשעפער, אזא איינער הערט נישט צו דער רבש"ע זיין תפילה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים יח מב): "יְשַׁוְּעוּ וְאֵין מוֹשִׁיעַ עַל ה' וְלֹא עָנָם": ד.מ. דער וואס רופט פריער אנדערע נאך הילף, און נאר נאכן איינזעהן אז "אֵין מוֹשִׁיעַ", פארלאזט ער זיך "עַל ה'", וועגן דעם: "וְלֹא עָנָם". אזוי אויך דא, זאגט די תורה: פארוואס "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר", ווייל צום ערשט "פָּנָה אֶל אֱלֹהִים אֲחֵרִים" און האט זיך אויף זיי פארלאזט.

ו. האדמו"ר **רבי מרדכי חיים פון סלאנים** האט מדייק געווען פונעם לשון הפסוק: "וְאָמַר... עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי **מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה**", אז די הויפט ווייטאג פון די וואס זענען זיך מתוודה וועט זיין נאר אויף די שלעכטס וואס האט זיי אנגעטראפן, און נישט אויף דעם וואס זיי האבן זיך אוועק געקערט פון השי"ת, און ווייל אזא סארט וידוי קומט נישט פון טיפן הארץ, וועלן זיי געשטראפט ווערן מיט א הסתר פנים.

'דרשות חתם סופר' ח"א עמ' קמד ב; 'שם משמואל' תרע"ב; 'פרי צדיק'; 'תכלת מרדכי'; 'וידבר משה'; 'נתיבי ישורון' מועדים עמ' קעט

### מבאר אמונים

מקורות אין גודל מעלת עניית אמן

**ענטפערן אמן מיט אמונה**

**"וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה כִּי פָנָה אֶל אֱלֹהִים אֲחֵרִים"** (לא יח)

"קום און זעה וואס עס שטייט (מדרש תהילים לא) אויפן פסוק (תהלים לא כד): 'אהבו את ה' כל חסידיו אמונים נוצר ה'': 'די וואס ענטפערן אמן באמונה; מ'זאגט: 'ברוך מחיה מתים' אפילו עס איז נאכנישט די צייט, און זיי גלייבן אז איך בין מחיה מתים, מ'זאגט: 'ברוך גואל ישראל' אפילו זיי זענען אויסגעלייזט געווארן נאר אויף צייטווייליג, און זיי זענען צוריק אונטערגעטעניגט געווארן, און זיי גלייבן אז איך וועל זיי אויסלייזן, ד.מ.: 'אמונים נוצר ה'". ד.מ. דאס איז די מעלה פון די אידן, וואס זיי גלייבן אין יעדע צייט, און אפילו אין א צייט וואס עס הערשט א הסתר פנים רוקן זיי זיך נישט אוועק פון זייער אמונה אז השי"ת וועט זיי אויסלייזן פון די גלות. און זייער אמונה ווערט אנגעזעהן ביים ענטפערן אמן, אויף אזעלעכע זאכן וואס זיי האבן נאכנישט געזעהן מיט זייערע אויגן...

און דו קענסט זעהן ווי גרויס איז דער שכר פון דער וואס ענטפערט אמן, ווייל חז"ל זאגן (תנחומא צו ז) 'כל העונה אמן בעולם הזה זוכה לענות אמן לעולם הבא', ד.מ. אין די צייט וואס אין עולם הזה ווייזט 'אמן' אויף אמונה, איז אין עולם הבא ווייזט עס אויף די התגלות וואס וועט זיין אין יענע צייט, ווען דעמאלטס וועט אים אנטפלעקט ווערן אז אלעס וואס ער האט געגלייבט אויף דער וועלט איז טאקע ריכטיג, און דורך דעם וועט ער לויבן און דאנקען אויף די אמונה וואס ער האט זוכה געווען אין עולם הזה".

'באר משה'

### צוויי תפילות אויפאמאל

**"וְהָיָה כִּי תִמְצֶאןָ אֹתוֹ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת"** (לא כא)

"מאי 'רעות וצרות'...? רעות שנעשות צרות זו לזו" (חגיגה ה א).

**טייטש דער 'חתם סופר':**

אין גמרא (תענית ה ב) ווערט דערציילט אז אין די צייטן פון רבי שמואל בר נחמני האט פאסירט א הונגער און א מארד אין די זעלבע צייט, און די מענטשן האבן נישט געוואוסט אויף וואס צו דאווענען, ווייל אין איין צייט בעהט מען נישט אויף צוויי זאכן, האט ער זיי געגעבן א עצה זיי זאלן דאווענען אז די הונגער זאל זיך אויפהערן, און ממילא וועט די מארד שוין נישט זיין, ווייל הקב"ה ברענגט נישט קיין זעהט, נאר כדי די מענטשן זאלן האבן פון דעם צום לעבן.

דאס זאגן די חכמים: "רעות שנעשו צרות זו לזו", השי"ת וועט שיקן אסאך ערליי צרות נישט אזוי ווי אין דער דור פון רבי יהושע, וואס דורך די תפילה אויף איין צרה ווערט מען געהאלפן אויך פון די אנדערע צרה, און ווייל מ'בעהט דאך נישט אויף מער פון איין זאך, וועלן זיי נישט קענען דאווענען אויף זייערע צרות.

'דרשות חתם סופר' ח"ב עמ' שיב ב




אין זוהר הק' אין אונזער פרשה (רפה ב) שטייט:

"ווען די אידן ענטפערן אמן, ווערט געעפנט פאר זיי די טויערן פון ברכה, און ווען זיי שרייען ביים דאווענען, רופט אויס א בת קול: "עפנט די טויערן אננעמען ענקערע תפילות".

ברכות השחר: אויפן קול · מיט כוונה · מיט א חברותא.

לאמיר אלע נעמען די געוואלדיגע סגולה צום יום הדין, אנהייבן אונזער טאג מיט אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן נאך ברכות השחר, און מיר וועלן זוכה זיין אז אונזערע תפילות וועלן אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון, אמן.

## תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

### ברכות השחר מיט א חברותא (ב)

**וויאזוי ווערט מען אנגערופן 'צדיק'?**

ווי א פארזעצונג צו דעם פריערדיגן ארטיקל וואס מיר האבן געשריבן איבער די מעלה פון דער מנהג פון זאגן ברכות השחר מיט חברותא, וועלן מיר צולייגן און פארברייטערן אין די חלק ההלכה וואס איז דער שורש פון דער מנהג, און אזוי ווי עס ווערט אראפגעברענגט אין די פוסקים אז דער מנהג פון זאגן ברכות השחר מיט א חברותא איז אין אמת'ן אוועק געשטעלט געווארן כדי דורך דעם זאל מען קענען מקיים זיין די תקנה פון ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג.

די תקנה פון ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (תיקו"ז יח דף לג א) אז יעדער מענטש דארף מקפיד זיין מקיים זיין יעדן טאג די פיר תקנות וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צדי"ק', וואס ד.מ. ענטפערן: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, און זאגן ק' ברכות.

און אזוי שרייבט דער רבינו בחיי אין זיין ספר 'כד הקמח' (ערך ברכה):

"ווער עס געבט אכטונג אויף די ניינציג אמנים וכו' **ער ווערט אנגערופן א צדיק**, און אויף אים זאגט דער נביא (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמנים', אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים' - די וואס ענטפערן אמן'". און אזוי אויך אין ספר 'אור הישר' (למהר"ם פאפירש פון די גורי האר"י, עמוד העבודה סי' ו אות כב) שטייט:

"א מענטש ווערט נישט אנגערופן 'צדיק' ביז ער וועט דערגרייכן צו די סומע פון צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות - וואס איז ר"ת 'צדי"ק'".

**צ' אמנים - נאר אויף ברכות**

דער הרמ"ע מפאנו שרייבט (שו"ת, סי' קט), אז אין דער צאל פון די ניינציג אמנים קען מען רעכענען נאר די אמנים וואס מ'ענטפערט אויף ברכות, ווייל די אמנים וואס מ'ענטפערט אויף די קדישים זענען שוין אריינגערעכנט אין די תקנה פון די 'י' קדישים'. לויט דעם איז זייער שווער מקיים זיין די תקנה, סיידן דער וואס געבט אכטונג צו הערן די ברכות השחר פון זיינע חברים און ענטפערן אויף זיי אמן, אזוי ווי עס איז דער לשון פונעם הרמ"ע מפאנו:

"ווי גוט איז איינפירן אז דער שליח ציבור זאל זאגן די ברכות השחר הויעך און די וואס ענטפערן זאלן אינזין האבן נישט יוצא זיין פון אים די ברכות. און נישט נאר דאס, נאר די גוטע פריינד וואס נעכטיגן אין איין צימער... זאלן אויפשטיין פריה און יעדער פון זיי זאל זאגן די ברכות און די חברים זאלן ענטפערן אמן, און נאכדעם זאלן זיי גיין אין בית המדרש. און דער וואס זאגט צום ערשט אליין די ברכות און נאכדעם הערט ער זיך צו צו זיין פרוי און זיינע קינדער די גרויסע און די קליינע וואס זאגן די ברכות, "עס איז נישט פארהאן נאך אזעלכע גוטע פריינד ווי די. און דאס זעלבע, די וואס זאגן די ברכות אין שוהל

איינער נאכן אנדערן מזכה זיין דעם רבים זאלן ענטפערן אמן פארזאלמלטערהייט".

די תקנה איז דער יסוד וואס אויף דעם איז אוועק געשטעלט געווארן דער מנהג, און אזוי ווי עס שטייט אין משנה ברורה אויף די ווערטער אין שולחן ערוך (או"ח ו ד): "יש נוהגין שאחר שבירך אחד ברכת השחר וענו אחריו אמן, חוזר אחד מהעונים אמן ומברך ועונין אחריו אמן, וכסדר הזה עושין כל אותם שענו אמן תחלה", אויף דעם שרייבט דער משנה ברורה (ס"ק יג): "און זייער כוונה איז כדי יעדער זאל צוקומען צו די צאל פון ניינציג אמנים יעדן טאג...".

**צ' אמנים - פארן דאווענען**

מער פון דעם, אין ספר 'תולדות אהרן' (פון ר"א פון זיטאמיר פון די גדולי החסידות, פר' שופטים) ערקלערט ער בדרך סוד די ענין פון די תקנה פון צ' אמנים, אז איר תכלית איז צו עפענען די דריי טירן וואס די תפילה דארף אריבער גיין אויף איר וועג אנגענומען ווערן פארן מלך מלכי המלכים. פון זיינע ווערטער זעהט אויס אז מ'דארף ענטפערן די צ' אמנים פארן דאווענען, א זאך וואס איז זיכער אוממעגליך אויספירן אן צו הערן ברכות השחר פון עטליכע מענטשן און ענטפערן אמן נאך זיי.

דער 'עטרת צבי' פון זידיטשויב ברענגט אויף דעם א ראיה פון וואס עס שטייט אין זוהר (תיקוני זוהר חדש, ח"ב דף פד א) אז דער וואס האט נישט אנגעיאגט ענטפערן צ' אמנים, זאל אינזין האבן ביי די פופצן וואווי'ן פון די ראשי תיבות ביי די תפילה פון 'אמת ויציב' נאך קריאת שמע, וואס צוזאמען באטרעפן זיי ניינציג, און מיט דער אות א' פון 'אמת' ווערט די גימטריה פון צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'.

פון דעם וואס עס שטייט נישט אין זוהר א אנדערע עצה, ער זאלווארטן ביז ער וועט הערן די חזרת הש"ץ און די אנדערע ברכות פון טאג כדי ער זאל דורך דעם האבן ניינציג אמנים, איז געדרינגען אז דער עיקר ענין פון ענטפערן די ניינציג אמנים איז דווקא פארן דאווענען, וואס דאס קען זיין נאר דורך ענטפערן די ברכות השחר מיט א חברותא (הגהות 'בני אבא' אויפן ספר 'פתורא דאבא' ענין ברכות השחר אות ו).

ווער פון אונז וויל נישט אנגערופן ווערן 'צדיק' איבערהויפט אין די טעג פון "בין כסה לעשור", וואס אין די טעג ווילן מיר זוכה זיין פאר'חתמ'עט ווערן בספרם של צדיקים גמורים; דא האבן מיר דער וועג וואס די חכמים זכרונם לברכה האבן אונז געזאגט, וואס דורך דעם קען מען זוכה זיין צו באקומען דעם גלוסטיגן טיטול. לאמיר זיך מקבל זיין פון היינט און ווייטער מקפיד זיין צו הערן און זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין אריינגעשריבן ווערן בספרם של צדיקים גמורים. אמן.

## מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

### א קייט פון 'כל נדרי' וואס האט זיך פארמאכט נאך זיבעציג יאר

שוין ביים אריינגאנג צו די ארבעט'ס לאגער קאופערינג, נעבן לאנדסבערג וואס איז אין דייטשלאנד, וואס געוויסע טיילן פון דעם עקזיסטירט ביזן היינטיגן טאג, קען מען באגרייפן עטוואס פון די גרעפערליכע פיינונגען וואס די איינוואוינער פון די לאגער זענען אריבער. אין דער לאגער וואס איז אויפגעבויעט געווארן אין די ענדע פון די מלחמה יארן, האבן די נאצים ימח שמם באשלאסן לייגן נעכטיגן זייערע קרבנות אין גרובער וואס זענען געגראבן געווארן אין די ערד און זענען צוגעדעקט געווארן מיט פראוויזארישע דעכער וואס זענען צוזאמגעשטעלט געווארן פון בלאטע מיט שטרוי אויסגעמישט.

אין די גרובער זענען יעדע נאכט אריינגעשטופט געווארן די טויזנטער אידן וואס זענען געווען אין די לאגער, נאך וואס זיי האבן געענדיגט זייער שווערע ארבעט מיטן אויפבויען ריזיגע בונקער'ס פאר די דייטשע מיליטער וואס האט שוין געהאלטן פאר א דורכפאל. אינדערפריה, באלד ווען עס האט אנגעהויבן צו ווערן ליכטיג, האט מען זיי אויפגעוועקט און ארויסגעפירט צו די שווערע ארבעט וואס האט זיך פארצויגן פון אינדערפריה ביז ביינאכט אן קיין אפשטעל, און עס איז געווען אריינגערעכנט שלעפן בוי-מאטריאל וואס אסאך מאל איז זייער וואג געווען כמעט ווי די וואג פון זייער מאגערן קערפער.

די ווערטער זענען ארעם צו שילדערן די שרעקליכע צרות וואס די איינוואוינער פון די לאגער זענען אריבער. יעדן טאג זענען ארום אכציג מענטשן געשטארבן פון הונגער און פון פארשידענע קראנקהייטן. און עס איז נישט פארהאן א ערקלערונג אז נישט ווייניג פון די לאגער זענען לעבן געבליבן, אויסער דעם וואס דאס אידישע גייסט האט אין זיי ווייטער געבלאזן, אויך ווען זיי זענען געווען בגיא צלמות.

איינער פון די לעבן געבליבענער פון די לאגער-קאופערינג איז געווען הרה"ח רבי שמעון בעניש זצ"ל. רבי שמעון וואס האט פארלוירן זיין ווייב און קינדער אין די מלחמה, האט אכטונג געגעבן אויף די אידישע גייסט וואס האט געקלאפט אין אים טראץ די אלע צרות וואס ער איז אריבער, און אויך געטוהן אלעס וואס ער האט נאר געקענט כדי מיטנעמען מיט זיך זיינע חברים פון די לאגער.

זיין זון, הרה"ג ר' חיים בעניש, דערציילט וואס א איד מיטן נאמען אריה, א איבערלעבער פון די לאגער, האט אים דערציילט אויף זיין טאטע. און אזוי האט אריה דערציילט:

איינס פון די שווערסטע טעג וואס זענען אריבער אויף אונז אין די לאגער איז געווען אנהויב יאר תש"ה. איין אינדערפריה האט מען אויסגערופן אין לאגער, אז א גרויסע קאנטיינער של קוילן-פודער איז אנגעקומען אין די דערנעבנדיגע לופט-פעלד, און דאס אריבער פירן ליגט אויף אונזערע אויסגעדארטע אקסלען.

איין מינוט נאכדעם זענען מיר שנעל געטריבן געווארן צו די לופט-פעלד, און אזוי, אונטער א שטארקן רעגן האבן מיר געארבעט פון אינדערפריה ביז ביינאכט מיטן שלעפן די זעק פון די קוילן, ווען אסאך פון צווישן אונז קענען עס נישט אריבערטראגן און פאלן אראפ אויף די ערד ווי דארט בלייבן ליגן אויף אייביג.

ביינאכט, נאכן ענדיגן די ארבעט, האבן מיר אלע אויסגעזעהן ווי א שווארצע קלעבעדיגע טייג, פון די רעגן וואס האט זיך אויסגעמישט מיט די פודער און די נאסע קליידער, און אזוי האט מען אונז געהייסן גיין צו די לאסט-וואגאנען אויפן וועג צוריק צו די לאגער.

די וואגאנען זענען געווען אפן, אן קיין דאך, וואס אין אמת'ן זענען זיי געווידמעט געווען אויף טראגן בהמות. ארום אכציג מענטשן פון אונז האט מען אריינגעשטיפט אין יעדע איינס פון זיי. אונזער מאגן האט געריסן פון הונגער, אונזער שוואכע קערפער האט זיך געבעהטן אויף רואיגקייט, און קיינער האט נישט געהאט כח אפילן צו רוקן די ליפן, און איבעראל האט ארומגענומען א שטילקייט.

און פלוצלינג, פון די טיפעניש פון איין וואגאן איז געהערט געווארן א געשריי: "אוי, אידן! ס'איז היינט 'כל נדרי' נאכט!". דאס איז געווען די שטימע פון דיין פאטער, רבי שמעון בעניש, וואס איז אריבער ווי א עלעקטרישער שטראם צווישן די צוקלאפטע ארעסטאנטן.

עס איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער וואס דארט האט זיך אפגעטוהן פון יענע מינוט און ווייטער. אזא דאווענען האב איך קיינמאל פון פריער נישט געהערט. אלע האבן זיך פלוצלינג ערוועקט. דיין פאטער האט אנגעהויבן זאגן מיט געוויין: "שיר המעלות, ממעמקים וגו'", און אלע האבן איבערגעזאגט מיט א הויכע געשריי וואס האט אויך נאכגעשלעפט די וואס זענען געווען אין די אנדערע וואגאנען.

די געשריי האט זיך געשטארקט אויף די גרודער פון די שטארקע רעגן, און עס איז אנגעקומען צו די אויערן פון נאצים וואס האבן זיך באשיצט אונטער א דאך. זיי זענען שנעל געקומען צו לויפן ווען זייערע שיסער'ס זענען אנגעשטעלט אקעגן אונז וועלנדיג בארואיגן די געמיטער, אבער פאר אונז האט עס נישט געשטערט. מיר האבן פארגעזעצט צו שרייען מיט אונזערע לעצטע פארבליבענע כוחות; "ה' שמעה בקולי", און ווען זיי האבן פארשטאנען אז עס האנדלט זיך נישט פון א אויפשטאנד, זענען זיי צוריק צו זייער פלאץ.

ווען מיר זענען צוריק אין די לאגער, אסאך פון אונזער וואס זענען נאך געווען אונטער די התעוררות, זענען נישט צוגעגאנגען צו די קאך נעמען די טעגליכע פארציע דייסע וואס האט אנגעהאלטן אונזער נשמה אין אונזערע קערפער. אזוי ווי מיר האבן אויסגעקוקט, אויסגעקוועטש און נאס פון בלאטע און וואסער, זענען מיר ארויף אויף די ברעטער און זיך געלייגט שלאפן.

דאס איז געווען אונזער 'כל נדרי' אין יענעם ביטערן טאג.

אריה האט פארגעזעצט צו דערציילן:

א יאר נאכדעם, ערב יום כיפור פון יאר תש"ו, בין איך שוין געווען באפרייט. איך בין עלנד אויף דער וועלט, ליידער האב איך זיך דערווייטערט פון די ערליכע וועג, און אזוי האב איך זיך געטראפן זיצן אין א דארף נעבן די שטאט לאנדסבערג, ווי איך מעלק די קוהען פון דער פארעם באזיצער וואס ביי אים האב איך געארבעט.

ווען דער טאג האט אנגעהויבן אונטערגיין האב איך זיך דערמאנט אין דער טאג און אין די זעלבע צייט, זעקס יאר צוריק; די געשמאקע עסן וואס מיין מאמע האט מיר צוגעגרייט אויף די סעודה המפסקת, און ווי מיין טאטע לייגט זיין האנט אויף מיין קאפ און בענטשט מיך, און איך גיי צוזאמען מיט מיין טאטע און מיינע ברודער אין שוהל צו 'כל נדרי'.

און פלוצלינג, א פארטונקלטע און א שווארצע וואלקן האט מיטאמאל פארדעקט די איינגענעמע זכרונות. אנשטאט דעם זענען ארויפגעקומען די ביטערע זכרונות פון די שווערע ארבעט, פון די הונגער, פון די הרג'ענען, פון די יסורים, און פון פארלירן מיין באליבטע פאמיליע, און האט מיך איבערגעלאזט איינזאם אויף דער וועלט.

דאס זענען געווען די זכרונות וואס האבן שטענדיג צוגעברענגט איך זאל פון אלעס וועלן פארגעסן, אראפ נעמען פון זיך יעדע עול, און אנהייבן א נייע לעבן וואס וועט אפשר מיטברענגען א איינגערעדטע גליק... אבער דאס מאל איז אנדערשט געווען. דאס מאל, פון די פארשווארצטע און טרויערדיגע וואלקן האט זיך ארויס געהערט די געשריי פון דין טאטע:

**"אוי, אידן! ס'איז היינט 'כל נדרי' נאכט!".**

די געשריי האט ווידער אריינגעדרינגען ווי א פייל אין די טיפענישן פון מיין הארץ. אין די מינוט האב איך באשלאסן אפלאזן די קוהען און איך האב אנגעהויבן לויפן צו די ריכטונג פון לאנדסבערג, די דערנעבנדיגע שטאט. איך האב געהערט אז אין די שטאט האבן זיך צוזאמגענומען עטליכע מנינים פון ערליכע אידן, און איך האב געהאפט אז איך וועל זיך קענען באטייליגן מיט זיי אין די יום כיפור'דיגע דאווענען.

'איך וועל כאטש זאגן 'יזכור' אויף די נשמה פון רבי שמעון און באלד צוריק גיין צו די ארבעט' - האב איך געטראכט, אבער די איבערראשונג האט מיך אפגעווארט שוין ביים אריינגאנג פון די פראוויזארישע שוהל; רבי שמעון, ווייס אנגעטון, ווי ער וואלט ארויס געקומען פון צווישן די טויטע, איז דארט געשטאנען, אין זיינע הענט האט ער געהאלטן טליתים און מחזורים און זיי דערלאנגט פאר די וואס זענען געקומען דאווענען.

דאס איז געווען די צווייטע תפילה וואס אריה האט געדאוונט אין יום כיפור, צוזאמען מיט רבי שמעון, און פון דעמאלטס זענען שוין אדורך צעהנדליגער יארן, ווען אינצווישן איז ער ארויף געקומען קיין ארץ ישראל, און האט ליידער אפגעהאקט יעדע פארבינדונג מיט אידישקייט.

מיט רבי שמעון האט ער ווייטער אנגעהאלטן א פארבינדונג. און ווען אין די לויף פון די יארן האט רבי שמעון געבויעט א שוהל אין די שטאט וואו אריה האט געוואוינט, אלץ א זכר פון איינער פון זייערע חברים פון די לאגער אין קאופערינג, א איד וואס נפטר געווארן עלנד און האט איבערגעלאזט זיין געלט פאר רבי שמעון וואס האט באשלאסן בויען מיט דעם א שוהל לזכר פון דער נפטר, מיטן נאמען 'היכל שלמה', האט ער איינגעלאדנט אריה'ן צו די חנוכת הבית.

דערציילט רבי חיים בעניש:

די שמועס מיט אריה איז פארגעקומען אין יאר תשע"א, און נאכדעם, אין די פוס טריט פון מיין טאטע האב איך ווייטער אנגעהאלטן א פארבינדונג מיט אים. פון מאל צו מאל האב איך אים אנגערופן זיך אינטערעסירן אין זיין צושטאנד, און אין די קומענדיגע ערב ראש השנה האב איך אים אויך געקלינגען אנוואונטשן א גוט געבענטש יאר.

אין די שמועס האט אריה זיך אינטערעסירט ביי מיר צי דער שוהל וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורך מיין פאטער איז נאך אקטיוו. איך האב אים געענטפערט 'יא'.

מוצאי יום כיפור האב איך אנגערופן דעם רב פון דער שוהל און איך האב זיך אינטערעסירט צי א אומבאקאנטער עלטערער איד האט זיך באטייליגט ביי די תפילות דאס יאר, און זיין ענטפער איז געווען 'יא'; א עלטערער איד א אומבאקאנטער האט זיך צוגעשטעלט צו די קביעות'דיגע מתפללים, ער איז אריינגעקומען אין שוהל ווען אין זיין האנט האלט ער א נייע מחזור און פון דעם האט ער געדאוונט מיט גרויס געפיהל. ווען דער רב האט אים פראבירט ארויסהעלפן ביים דאווענען, האט ער אפגעווארפן די הילף, זאגנדיג אז די דאווענען איז אים גוט באקאנט פון די אלטע היים.

רבי חיים האט זיך נאכגעפרעגט אויפן אויסזעהן פון דער מענטש, און האט זיך געפריידט צו הערן אז דאס איז טאקע דער אריה.

זיבעציג יאר נאכדעם קען רבי שמעון זיך פרייען אין די הימלען; זיין 'כל נדרי' האט געווינען און צוריק געברענגט א פארבלאנדזשעטע נשמה צו איר אפשטאם.

'איש להבה' עמ' 195

עיצובים shay